משמרת השלום
02-5379160




נו' 66
פר' ויקהל
אדר פ"ה

טעמא:
**אַחְדוּת - אִיז דֶער וֶועג צוּ שְׁלֵימוּת**

# זוֹכֶה זַיין תַּרְיַ"ג - אַלֵיין?

## אַלֵיין מִיטְן תַּנַ"ךְ

דֶער דְרַייסִיג-יֶערִיגֶער אַלְבֶּרְט, אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיף אַ בַּאנְק נֶעבְּן גְרוֹיסְן קְוַואל.

לֶעצְטְנְס אִינְטְרֶעסִירְט עֶר זִיך אִין אִידִישְׁקַייט. עֶר נֶעמְט אַרוֹיס מִיט אִיבֶּערַאשׁוּנְג, דֶעם נַייעֶם תַּנַ"ךְ וָואס עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט, און פַאנְגְט אָן בְּלֶעטֶערְן אִין דֶעם. זִינְט זַיין זֶעלִיגֶע מַאמֶע הָאט אִיהְם עֶנְטְפְּלֶעקְט, אַז עֶר אִיז אַ אִיד - הָאט עֶר נִישְׁט מְנוּחָה. עֶר פִּילְט אַז עֶר מוּז וִויסְן און דֶערְגֵיין אַלֶעס, וָואס עֶר הָאט בִּיז הַיינְט דֶערְלֵייגְט.

און וִויבַּאלְד אִין זַיין נָאנְטֶע סְבִיבֶה, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט וֶועמֶען צוּ פְרֶעגְן און בַּיי וֶועמֶען צוּ לֶערְנֶען, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט עֶס טוּהן אַלֵיין. לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע אִידְן טוּהֶען מִסְתָּמֵא.

עֶר הָאט נָאר נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶעם וִויכְטִיגְן פוּנְקְט, אַז אַלֶע אַנְדֶערֶע אִידְן קוּמֶען מִיט אַ גֶעבּוֹיעֶטְ'ן חִינוּךְ. זֵיי וֵוייסְן און פַארְמָאגְן אַ יְסוֹד. לֶערְנֶען אַלֵיין און פַארְשְׁטֵיין מִיטְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, תּוֹרַת ה' - אִיז כִּמְעַט אוּמ-מֶעגְלִיךְ...

פוּן טָאג צוּ טָאג, אִיז טַאקֶע אַלְבֶּרְט גֶעוָוארְן מֶער און מֶער צוּטוּמְלְט. פַארְשְׁטֵייעֶנְדִיג, אַז עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְפִירְן אַלֶע מִצְוֹת. 'לְמָשָׁל הַיינְט' - קְלֶערְט עֶר בַּיי זִיך פַארְקְלֶעמְט - 'הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן הַבֵּן. וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּהן אַז מַיין בַּת יְחִידָה סוּזִי - זִי אִיז דִי בְּכוֹרָה? אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ זָאל הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט זַיין קַיין בְּכוֹרִים! אִיז וָואס טוּהט מֶען? וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען אוֹיס אַלֶע מִצְוֹת?'.

אִיךְ הָאף, אַז אַלְבֶּרְט הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ עֶרְלִיכְן אִיד, אָדֶער אֲפִילוּ בֶּעסֶער, אַ סֶעמִינַאר פַאר בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה, וֶועלְכֶע זָאלְן אִיהְם הֶעלְפְן אִין זַיין נַייעֶ

חָשובֶ'ע וֶועג. זֵיי זָאלְן אִיהְם עֶרְקְלֶערְן, אַז ס'זֶענֶען טַאקֶע פַארְהַאן מִצְוֹת וָואס גֶעהֶערְן נָאר צו כֹּהֲנִים/ אָדֶער נָאר צו לְוִיִּים/ אָדֶער נָאר פַאר בְּכוֹרִים אָדֶער פֶעלְד-אַרְבֶּעטוּרֶער'ס. אַז גֶעווִיסֶע מִצְוֹת קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. און ס'זֶענֶען אויך פַארְהַאן אַזֶעלְכֶע מִצְוֹת, וֶועלְכֶע מ'אִיז מְקַיֵּים, זֶעהר זֶעלְטְן!

דָאס זֶענֶען יְסוֹדוֹת אויף וֶועלְכֶע מִיר זֶענֶען ב"ה גֶעוואַקְסְן און וֶוערְן עֶרְצוֹיגְן - פון קִינְדְוַוייז אָן.

- אָבֶּער וָואס? -

יֶעצְט וֶועל אִיךְ פְרֶעגְן, פון דִיר אַלֵיין:

צו הָאסְטוּ אַמָאל גֶעהֶערְט, אַז דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹות; דִי רְמַ"ח מִצְוֹת עֲשֵׂה און שַׂסַ"ה מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה - זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן אונְזֶערֶע רְמַ"ח אֵיבָרִים און שַׂסַ"ה גִידִים?



יֶעדֶע מִצְוָה אִיז גֶעאֵייגְנְט קֶעגְן אַ אַנְדֶער גְלִיד פון קֶערְפֶּער! און בִּזְכוּת וָואס מִיר זֶענֶען אִיהר מְקַיֵּים - הָאט דֶער סְפֶּעצִיפִישֶ'ער אֵיבָר אַ כֹּחַ, קִיוּם און עֶקְזִיסְטֶענְץ.

אִיז וָואס גֶעשֶׁעהט מִיט אַלֶע מִצְוֹת, וֶועלְכֶע מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין מֶעגְלִיכְקַייט אוֹיסְצוּפִירְן, ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז פַארְבִּינְדְן, מִיט וָואס מִיר הָאבְּן בִּיז יֶעצְט גֶעלֶערְנְט:

דֶער פַאזֶעל פון גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוזַאמֶען - גִיבְּט דֶעם כֹּחַ פַאר יֶעדְן אֵיבָר. דָאס שֶׁענְקְט אונְז דֶעם זְכוּת הַקִּיוּם!

וַוייל דִי מִצְוֹת דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין בִּשְׁלֵמוּת. און דָאס פַאסִירְט נָאר, וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל הַאלְט זִיךְ צוזַאמֶען.

יֶעדֶער וָואס אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה ווִי ס'דַארְף צו זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ לְמָשָׁל, וַואשׁ זִיךְ צום עֶסְן כַּהֲלָכָה - בִּין אִיךְ מְזַכֶּה גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

יֶעדֶער דַארְף טוהן זַיין פְּלִיכְט, און צוזַאמֶען אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי תּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת. דָאס אִיז לְמַעֲשֶׂה טַייטְשְׁ אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס מִיר זָאגְן בִּשְׁעַת'ן

# אַ חִידָה בְּמִידָה

וָואכְנְטְלִיכֶע רֶעטֶענִישׁ, אוֹיף מִידוֹת און שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן

## חִידָה:

**קָאמְפְּלִימֶענְטְן מִיט אִיבְּרִיגֶע שְׁבָחִים, דֶערְצֵיילְט דוּדִי פַאר דִי צוּהֶערֶער. אָבֶּער פַאר יָאסִי, אִיז עֶס שְׁוֶוער צו הֶערְן. און עֶר לֵייגְט צו, אַ וָוארְט פון גְּנַאי.**

**מִיט וָואס אִיז דוּדִי נִכְשָׁל גֶעוָוארְן?**

קִיום הַמִצְוָה: 'בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל'.

אוּן דָאס מֵיינְט אוֹיךְ דֶער פָּסוּק וָואס מִיר נֶעמֶען זִיךְ אוּנְטֶער פַארן דַאוֶוענֶען, זָאגְנְדִיג: "הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" - 'כָּמוֹךָ' ווִי דִיר אַלֵיין מַמָּשׁ. ווַייל וֶוען דַיין בְּרוּדֶער/ חָבֵר/ אָדֶער שָׁכֵן - פִּירְט אוֹיס זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אוֹיסְפִירְן - אִיז עֶס גֶעגְלִיכְן ווִי דוּ אַלֵיין טוּהְסְט עֶס. כָּמוֹךָ מַמָּשׁ!

בַּיי אַ פַּאזֶעל, שְׁטֶעקְט עֶפֶּעס אַרוֹיס בַּיי יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע חֵלֶק. ס'פֶּעלְט אוֹיךְ אַ רוּנְד אִין יֶעדְן טֵייל. אַ פַּאזֶעל וֶוערְט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן נִישְׁט קַיין גְלַייכֶע שְׁטִיקְלֶעך. אָבֶּער נָאר אוֹיף דֶעם אוֹפְּן, קֶען זִיךְ אַרַיינְזֶעצְן אֵיין שְׁטִיקְל אִין דִי צְווֵייטֶע. נָאר אַזוֹי שַׁאפְט זִיךְ אַ גֶענְצְלִיכֶע בִּילְד! וֶוען דָאס בִּילְד אִיז גַאנְץ - בַּאמֶערְקְט מֶען נִישְׁט דִי חֶסְרוֹנוֹת - אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אָדֶער אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט - ווַייל ס'אִיז מוּשְׁלָם.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט אוּנְז אַלֵיין. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין מוּשְׁלָם. אֵיינֶער אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין צְווֵייטְן. אוּן נָאר צוּזַאמֶען קֶענֶען מִיר אוֹיסְפִירְן אוּנְזֶער

תַּפְקִיד בִּשְׁלֵמוּת!!!

דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע גוּטֶע מַעֲשֶׂה אוּן מִצְוָה וָואס מִיר טוּהֶען. וֶוען מִיר מַאכְן אַ בְּרָכָה, אֲפִילוּ אוֹיב מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה - קֶענֶען מִיר אַוַודַאי נִישְׁט דֶערְגְרַייכְן צוּ דִי כַּוָּנוֹת אוּן בְּרָכוֹת וָואס צַדִיקֵי הַדוֹר זֶענֶען מְכַוֵון. אוֹיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר צוּמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס פַּארְטוּמְלֶען אוּנְז. אָבֶּער וֶוען דָאס אַלֶעס וֶוערְט גֶעטוּהן 'בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל' - וֶוערְט יֶעדֶע גוּטֶע טַאהט דֶערְהוֹיבְּן! אוּן פוּן אַלֶעס צוּזַאמֶען, קוּמְט עֶפֶּעס אַרוֹיס!

צוּזַאמֶען שַׁאפְן מִיר אַלֶע - אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַארן טַאטְן אִין הִימְל!!!!

**דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, וֶועלְן מִיר אי"ה אָנְפַאנְגֶען אַ נַייעֶ טֶעמָא...**

**דֶערְוַוייל טְרַאכְט, אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט!**

**אַ גוּט שַׁבָּת - מְשׁוּלָם.**





צו צושליסן נאך מוסדות, צום פראגראם חברים: פעקס: 02-6506107
מייל: t025379160@gmail.com

צו אנטייל נעמען און צושפרייטן דעם וואכנשריפט:
1800-800-779

דער וואכנשריפט ווערט געדריקט און פארשפרייט:
אביטל בת ציפורה לזיווג הגון

# געהיימניסן, ביים
# באָדן פון לעבן

געשריבן: ש. רוזנשטיין | געמאָלן: יוספי יוסף

**אין קורצן פון פריער:** לויט עוקץ'ס עצה, ענטפּלעקט משולם פאַר זײַנע חברים, סודות וואָס ער האָט געהערט ביי די אַסיפה. די פּלענער ווערן צוליב דעם צושטערט. סאָפּרא העלפט פאַר משולם, טרעפן אורי'ן וואָס איז פאַרהאַקט אונטערן בעט. עוקץ פּראָבירט נאָכאַמאָל פאַרטומלען משולם.




פאָרזעצונג וועט קומען אי"ה

איהר ווילט הערן אַביסל מער, אויף משולם מיט זײַנע חברים, און אויף דעם יצר הרע'ס, מסוכנ'דיגע סאָלדאַטן? קלינגט אַריין צום חברים-ליין: 0723372212 דריקט 394

צו צושפרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל'ן, פאר א מינימאליש'ן פרייז
**קלינגט 02-5379160 דריקט 0**